מילגרוים

1923 העפט 5

רמון

פארלאג פאר קונסט און ליטעראטור

בערלין — לאָנדאָן

דער פארלאג גיט ארויס

רמון־ביכער

אין פארשיידענע צווייגן קונסט און ליטעראטור

מילגרוים

א יידישע צייטשריפט פאר קונסט און ליטעראטור

רמון

א העברעאישע צייטשריפט פאר קונסט און ליטעראטור

הויפטפארקויף פאר צענטראל־איירָאפּא און פאר ארץ־ישראל בא

Ewer Gesellschaft, Berlin W, Lietzenburger Straße 8a.

הויפטפארקויף פאר רוסלאנד בא

Gescher-Gesellschaft, Berlin-Schöneberg, Haupt-Str. 37.

הויפטפארקויף פאר אמעריקא בא בוכהאנדלונג

Max N. Maisel, 424, Grand Street, New York City.

הויפטפארקויף אין ענגלאנד בא

„Hasefer", 10, D'Arblay Street, London, W 1.

הויפטפארקויף אין קאנאדא בא בוכהאנדלונג

Farlag "Yiddish", 834, Cadieux Street, Montreal, Canada.

פון אלע אנדערע לענדער זיך ווענדן דירעקט צום פארלאג „רמון" בערלין

Rimon-Verlag, Berlin-Friedenau, Stier-Strasse 17.

NUMBER 5 MILGROIM 1923

A YIDDISH MAGAZINE OF ART AND LETTERS

Editors Dr. M. Vishnitzer and M. Kleinman

Art Editor Rachel Vishnitzer

CONTENTS.

DAVID AND SAMSON SLAYING THE LION . . . . BY RACHEL VISHNITZER
WITH ILLUSTRATIONS

MOSLEM BINDINGS . . . .
WITH A COLOURED PLATE

EARLY JEWISH ORNAMENTED AND GILDED GLASSES . . . . BY E. TOEPLITZ
WITH ILLUSTRATIONS

CHINESE PAINTING . . . . BY WILLIAM COHN
WITH ILLUSTRATIONS

FROM PHANTASUS, A SELECTION OF POEMS . . . . BY ARNO HOLZ

ANCIENT SYNAGOGUES IN PALESTINE . . . . BY E. L. SUKENIK
WITH ILLUSTRATIONS

A POEM . . . . BY H. LEVIK

BAAL MACHSCHOWES . . . . BY M. KLEINMANN
WITH A PORTRAIT

FROM THE CYCLE: TOHU VA-BOHU . . . . BY G. TOM

YIDDISH LYRICS IN THE UKRAINE . . . . BY S. RUBINSTEIN

THE CRISIS OF THE THEATRE . . . . BY E. MOTYLEV

ART AND LETTERS . . . . BY R. V., B. M. AND K.

THIS NUMBER CONTAINS A PORTRAIT OF THE WELL KNOWN CRITIC BAAL MACHSCHOWES BY MARC CHAGALL ON THE OCCASION OF THE 25 th ANNIVERSARY OF HIS LITERARY ACTIVITIES.

THE COVER HAS BEEN DESIGNED BY E. BOEHM.

העפט 5 **מילגרוים** 1923

צייטשריפט פאר קונסט און ליטעראטור

ליטעראַרישע רעדאקציע
ד״ר מ· ווישניצער און מ· קליינמאַן

קונסט רעדאַגירט פון
רחל ווישניצער־בערנשטיין

אינהאלט

דער לייב־ באצווינגער אין דער יידישער קונסט /
רחל ווישניצער־בערנשטיין * איסלאמישע בוך־איינ־
באנדן * יידישע גאָלד־ גלעזער / שמשון טעפליץ *
כינעזישע מאָלעריי / וויליאם קאָהן * פון בוך:
Phantasus לידער / ארנאָ האָלץ * חורבות פון
אנטיקע יידישע שולן אין ארץ־ ישראל / אלעזר
ל· סוקעניק * דו זאָגסט — איך בין פארשאָלטן /
ה· לייוויק * בעל־מחשבות / מ· קליינמאַן * פונ׳ם תהי
ובהו / ג· תהום * יידישע ליריק אין אוקריינע / שמואל
רובינשטיין * איז דער טעאטער פארפאלן ?/ אליהו מאָטי־
לאָוו * קונסט און ליטעראַטור כראָניק ר· וו· ב· מ· און ק·

דאָס בילד אויף׳ן שערבלאט
איז פון פראָפעסאָר ע. בעהם

גערדוקט אין דער קונסטדרוקעריי פון
Dr. Selle & Co. A.-G., Berlin SW 29, Zossener Str. 55

Copyright, 1923, by Rimon-Verlag, Berlin.

שמשען הגבור אלס לייב־באצווינגער, פון א ריוואראָלער כתובה פונ׳ם יאָר 1727. יידישע געמיינדע־ביבליאָטעק אין בערלין.

SAMSON ON THE LION. FROM A KETUBAH, RIVAROLO, 1727, COLLECTION OF THE JEWISH COMMUNITY IN BERLIN

דער לייב־באצווינגער אין דער יידישער קונסט

דער קאמף מיט דער חיה — דאָס איז דאָס טעמא פון דער געוואלטיגער דראמע וועלכע טרייסלט אויף די מענשהייט אין דער מאָרגן־דעמערונג פון דער ציוויליזאציע. די מפלה פונ׳ם לייב, דער נצחון איבער׳ן בופלאקס, איבער דער אנטילאָפּע, איבער׳ן דאמהירש (**Cervus mesopotamicus**), אפילו איבער דער קליינער גאזעל, מאכן אויס א רייה פון אויפרעגענדע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דער מאכט־פארברייטערונג פונ׳ם מענשן אויף דער ערד. אין קאמף־סצענען, וועלכע שטעלן פאָר אָט דעם מענשן אָט די חיה אלס אנפאלער אין קאמף, אין טריומף־סצענעס וועלכע פייערן דעם נצחון פונ׳ם מענשן, לעבט זיך אויס דאָס אויסמאָלן־באדערפעניש פונ׳ם קינסטלער אין יענע אוראלטע צייטן. דאָס וואָס איז פארבליבן פון אזעלכע בילדער, די חתימות פון עילם, חת, מצרים, אשור, בבל און פרס, וועלכע שטאמען פון דער צייט צווישן פערטן און ערשטן יאָרטויזענד פאר דער געוועגליכער צייטרעכנונג געהערן שוין צומייסט צו א העכערער מדרגה פון קינסטלעכער דערגרייכונג, דען דער קאמף מיט דער חיה פיהלט זיך דאָ שוין ניט ווי א דירעקטע איבערלעבונג, נאָר פיל מער ווי א טענדענציעז געפארבטע האנדלונג פון א בבא־מעשה. דער קאמף־מוטיגער יעגער ווערט אידענטיפיצירט מיט׳ן העלד, וואָס האלט אָפּ נצחונות איבער די חיות, אָדער גאָר מיט דער גאָטהייט אליין. דאן בעקומט דאָס בילד א קולטישע באדייטונג. צום לעצט טראָגט מען איבער די ראָל פון א חיה־באצווינגער אויפ׳ן קעניג. די באצוואונגענע חיה שטייט מיט א ברייט געעפנטען פיסק, בויגט זיך רעווענדיג, ווי א אונטערטעניגער באזיגטער.

צווישן די מיטאָלאָגישע שטאָפן, וועלכע די בילדענדע קונסט פונ׳ם אלטן אָריענט האָט פארארבעט, האָט די גילגאמעש־לעגענדע, ווי עס שיינט, ניט וועניג מאָטיוון געליפערט. די ארכעאָלאָגן וואָרנען אפילו, אז מ׳זאָל ניט אננעמען די בילדליכע פאָרשטעלונגען אלס אילוסטראציעס צו גאנץ באשטימטע סצענעס פון די אלטע זאגען, דען דער בילדענדער קינסטלער שטייט שטענדיג פריי אנטקעגן דעם שטאָף. דאס ליטערארישע ווערט קיינמאָל ניט גאָר אינגאנצן בטל אין דעם בילדהאפטן, דאָס בילד גיט שטענדיג וועניגער, אבער אויך מער ווי דער ליטערארישער מאָטיוו, וועלכער האָט עס ארויסגערופן צום לעבן. עס איז דאָך באמת א נייע באשעפעניש מיט גאנץ אנדערע מיטל, צוגעפאסט צו דעם סאָרט קונסט. מיט אָט דער באשרענקונג האבן די געלערנטע פאָרט זיך גענומען פארבינדן די אלטאָריענטאלישע שטעמפל־בילדער מיט באשטימטע מאָטיוון פון די לעגענדעס, צווישן זיי גאנץ באזונדערס מיט דער לעגענדע וועגן גילגאמעש, און אָרדנען די טיפן לויט שטאָפליכע און קאמפאָזיציאָנעלע געזיכטספונקטן. די מעשה מיט׳ן גילגאמעש איז בערך אזא:

גילגאמעש איז באשענקט געווען פון׳ם הימלישן גאָט מיט א איבערמענשליכער קראפט. אויף צוויי דריטל איז אין



א לייב־באצווינגער אויף א בבלישן שטעמפל פונ׳ם 3־טען יאָרטויזענד פאר דער געווענליכער צייטרעכנונג·

THE HERO ON THE LION. BABYLONIAN CYLINDER, 3000 B. C.
REPRODUCED FROM O. WEBER, ALTORIENTALISCHE SIEGELBILDER,
HINRICHS' VERLAG, LEIPZIG

אים געווען א געטליכע נאטור און נאָר אויף איין דריטל א מענשליכע· ער האָט געהערשט ווי א טיראַן איבער דער שטאָדט אֶרך, געצוואונגן זיינע אונטערטאנען צו עבודת פרך ביים אויפבויען פון געוואלטיגען טעמפלען און שטאָטמויערן· (מ׳דארף באמערקן צוויי מאָמענטן: די איבערמענשליכע קראפט און די מאכט פון גילגאמעש!) גילגאמעש האָט א פריינד, ענגידו הייסט ער· זיין לייב איז אינגאנצן האָריג און די האָר פונ׳ם קאָפּ זיינען לאנג געוואקסן, ווי ביי א פרוי· ער לעבט אויפ׳ן פעלד אינאיינעם מיט די חיות, זייערע מאכלים עסט ער, מיט זייער געטראנק דערפרישט ער זיך· ביידע פריינד גייען ארויס אויף פּאָלעוואניע, זיי האלטן מלחמה מיט לייבן אין די בערג און טויטן דעם מזל שור אויפ׳ן הימל· ענגידו שטארבט אוועק, גילגאמעש ציהט ווייטער, כדי אויפ־צוזוכן דאָם איביגע לעבן, אונטערוועגס טרעפט ער אָן דעם עגדיש־מענשן מיט זיין ווייב, וועמעס אָנבליק ס׳ברייננגט א געוויינליכן מענשן דעם טויט· נאָך פיל פּאָרקומענישן געלינגט עס איהם אפצורייסן דאס לעבענס־גרעזל, אבער ביים צוריק־קעהרן אהיים קיין ארך, ווערט עס ביי אים פון א שלאנג ארויסגעריסן·

צווישן די פּאָרשטעלונגן וואָס האָבן א שייכות מיט דעם לעגענדען־קרייז וועגן גילגאמעש, איז אודאי ניטאָ קיין איינציגע, וואָס מ׳זאָל זי קאָנען אויסטייטשן אלס אילוסט־ראציע צו וועלכער ניט איז באשטימטער סצענע פון אָט דער מעשה: על פי רוב האנדלט זיך נור וועגן גאנץ אל־געמיין פארטראכטע קאמף און טריומף־סצענעס, אין וועלכע ביידע העלדן, אָדער נאָר איינער פון זיי, ווערט פאָרגעשטעלט צוזאמען מיט חיות· גילגאמעש און ענגידו ווערן באצייכנט דורך לאנגע געקרייזלטע האָר און א לאנגער באָרד· ענגידו ווערט אפט פאָרגעשטעלט אלס אָקס־מענש, א געמיש־טע בריאה, וואָס פונ׳ם גארטל אראָפּ איז ער אָקס און פונ׳ם גארטל ארויף א מענש· ער טראגט א הערנער־קרוין אלס צייבן פון זיין געטליכער באטור·

דאָס פארהעלטניש צו דער באזיגטער חיה ווערט אויס־געדרוקט אין פארשיידענערליי פּאָרשטעלונגען· דער זיגרייכער גבור טרעט אָן דער באזיגטער חיה אויפ׳ן קאָפּ, פארדרייסט איינעם פון אירע הינטערשטע פיס און פאקט זי ביים עק, אָדער ער הויבט זי אויף ביי ביידע הינטערשטע פיס ביי דער זייט, אָדער זשע ער האלט די אונטערטעניגע חיה הויך איבער זיין קאָפּ·

אין דעם בבלישן שטעמפל (זעה בילד זייט 2) פונ׳ם דריטן יארטויזענד פאר דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג טרעט אויף דער גבור רייטנדיג אויף דעם לייב· איין האנד שטרעקט ער צום עק פונ׳ם לייב, א סימן פון זיין נצחון· דער לייב האלט דעם פיסק ברייט געעפנט· מחמת קאָמפּאָזיציאָנעלע טעמים ווערט אפטמאָל דער מאָטיוו פאר־דאָפּלט און באריייכערט, דהיינו: עס ווערן אריינגעשטעלט נאָך אנדערע פיגורן כדי אויסצופולן דעם פלאץ·

א טייל פון די קאָמפּאָזיציאָנעלע סכעמען צום מאָטיוו פון דער חיה־באצווינגונג, וועלכע ס׳האָט אויסגעארבעט די אלט־אָריענטאלישע קונסט אין יאָרטויזענד לאנגער איבונג, איז אויך פארבליבן אין שפּעטערע צייטן, און ביסלאכווייז זיך פארענדערנדיג אָבער פאָרט נאך גענוג דייטליך דערקענבאר, איז ער אריבער ביז צו די נייעסטע צייטן· באזונדערס האָט די העראלדיק עס פארשטאנען אויסצונוצן דעם געירשה׳טען אוצר פון פאָרמען· פונ׳ם אלטן אָריענט האָט זי גענומען אירע אָדלערס, אירע לייבען און פון דאָרט שטאמט אויך די פייערליכע באהאנדלונג פון די מאָטיוון·

דוד ראטעוועט דאָס שעפעלע פונ׳ם בער׳ס און פונ׳ם לייבס לאפעס· פון א תנ״ך אין דער ביבליאָטעק פון דער ווינטשעסטער קאטעדראלע, פונ׳ם 12־טען יאָרהונדערט·

INITIAL B IN A BIBLE IN THE LIBRARY OF WINCHESTER CATHEDRAL
CONTAINING A REPRESENTATION OF DAVID DELIVERING A LAMB
FROM A BEAR AND FROM A LION, 12th CENTURY.
FROM W. BRADLEY, CATALOGUE, VICTORIA AND ALBERT MUSEUM,
LONDON, 1901

אין דער בילדענדער קונסט, וועלכע שעפּט איר גייסטיגן אינהאלט פון דער ביבעל, ווערט אויף קיין פאל ניט פארווישט דער אלט־אָריענטאלישער הינטערגרונד. ער ווירקט מיט איבערי־גענס מיט אוך אין דער ביבעל גופא אלס א מעכטיגער פאקטאָר, אזוי אז מ׳קאָן דאָ באמערקן א דארפעלטן שטראָם פון פאָרמבילדענדע השפעות. פונקט אזוי ווי דער קינסטלער פון העלעניסטישער צייט, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט דניאל אין גוב האריות (זעה בילד זייט 18) האָט אודאי זיך געהאלטן ביי די אלט־אָריענטאלישע פאָרבילדער, אזוי האָבען אויך פארן מחבר פונ׳ם ספר דניאל גופא געמוזט שוועבן די בילדער פון די אלטע העלדן־מעשות. און ניט צופעליג, אויס אייגענעם איינפאל, נור געוויס נאָכזעהענדיג אן אלטער מסורה, שטעלט דער קינסטלער פאר דניאל׳ן מיט אויפגעהויבענע הענד מיט צוויי לייבן ביי די זייטן. אין דער דאָזיגער סימעטרישער אויסשטעלונג פון די לייבן צו ביידע זייטן פונ׳ם גבור, קלינגט א ווידערקול פונ׳ם אלטן מאָטיוו. מיר געפינן דאָ די פארדאָפּעלונג צוליב דעקאָראטיווע טעמים פון די קנאפּע רעשטן פונ׳ם מאָזאיק איז שווער צו זעהן צו האלט דער גבור אויפגעהויבן די הענד אין העלעניזירטער תפלה־שטעלונג אָדער דאָס אז, אזוי ווי ביים גילגאמעש, א צייכן פון זיין טריומף. אין די דניאל־פאָרשטעלונגען פון מעראָווינגישער צייט (אפּגעבילדעט אין ווערמאנס „געשיכטע דער קונסט פון אלע צייטן און פעלקער״, 2 אויפלאגע 1920, 3 טער באנד זייט 84) האבן מיר נאָך דעם זעלבן אָריענטאלישן סדר. די חיות בויגן זיך פאר דעם באצווינגער מיט הכנעה פון באזיגטע. דניאל האבט אויף די הענט צו געבן א שבח צו גאָט, אָדער צום צייכן פון זיין טריומף.

צוויי גבורים פון דער ביבעל, דוד אין שמשון, וועלכע זיינען שטארק פאָלקסטימליך געוואָרן אלס באקעמפער פון די פלישתים, אלס שטרייטער פאר׳ן פאָלק, זיינען אין דער בילדענדער קונסט אריינטער געפאלן אונטער א דאָפּעלער השפעה פונ׳ם אלט־אָריענטאלישן זאגן־קרייז, — דער ליטערארישער און דער פאָעמאלער, ד. ה. דורך די ביבעל־שילדערונג גופא, וועלכע איז מיט אָריענטאלישע מאָטיוון דורכגעווייקט, און דורך די שוין פאָרהאנענע בילדליכע פאָר־שטעלונגען. דוד דערצעלט אן עפּיזאָד פון זיינע איבערלעבונגען אלס פאסטוך, ווי ער האָט געראטעוועט א שעפעלע פונ׳ם פיסק ביי א לייב און ביי א בער, ער פאקט די חיה ביי דער באָרד און טויט זי: „גאָט וועלכער האט מיך מציל געווען פון דעם לייבס און דעם בערס לאפּעס, וועט מיך מציל זיין אויך פון דעם דאזיגען פלישתי׳ס האנט״. די מעשה מיט די ווילדע חות, דעם לייב און דעם בער, ווערט געשילדערט, כדי פאָר־צושטעלן דוד׳ן אלס חיה־באצווינגער און וועקן פארטרויען צו זיין קראפט, וועלכע מ׳וואָלט ניט געקאָנט ערווארטן פון א איינפאכען פאסטוך. דער מאָטיוו פון דער געטליכער אויסצייכנונג, אזוי ווי עס שפּילט מיט ביים גילגאמעש, איז דא געגעבן דורך דער זאלבונג, וואָס שמואל האָט אויף גאָטס באפעל, געזאלבט דוד׳ן.

אויך שמשון איז געהייליגט שוין פון דער געבורט אָן. ער האָט לאנגע האָר אזוי ווי ענגידו. ניט מעהר דאָס האָט לכתחלה אן אנדער באדייטונג. דערמיט זאָל באצייכנעט ווערן ניט דער ווילדער, דער מענש־חיה, נור דער הייליגער נזיר, וואָס האָט זיך אפּגעגעבן אינגאנצן צו גאָט. פון דעסטוועגן באווייזן זיך ווייטער אויך ביי שמשון׳ען די לאנגע האר גראָד אלס סימבאָל פון קערפּערליכער גבורה. אזוי ווי דוד איז אויך שמשון כאראקטעריסטיש דורך א קאמף־עפּיזאָד מיט א לייב. אין ביידע פאלן דערצעהלט זיך וועגן דעם נצחון ווי פון א נס, דען ניט דוד ניט שמשון קעמפן מיט וועלכן ס׳ניט איז כלי־זיין. שמשון האָט צעריסן דעם לייב „אזוי ווי מ׳צערייסט א ציגעלע״. ער האָט גאָר ניט אין דער האנט. „דער גאָט וואָט האָט מיך מציל געווען פונ׳ם לייב׳ס לאפּע״ . . . זאָגט דוד, מיט אמונה אין דער געטליכער

שמשון הגבור אלס לייב־באצווינגער, פון א מחזור פון 14־טען יאָרהונדערט, אין דער לייפּציגער אוניווערסיטעטס־ביבליאָטעק.

SAMSON ON THE LION FROM A MACHSOR, 14th CENTURY,
LEIPZIG UNIVERSITY LIBRARY

שמשון הגבור אלס לייב־באצווינגער, פון א הגדה פונ׳ם 14־טען יאָרהונדערט. בריטיש מוזעאום Or 2737

SAMSON ON THE LION. FROM A HAGGADAH, 14th CENTURY
BRITISH MUSEUM, OR. 2737

הילף. אויך שמשון האָט געגלויבט אין דער געטליכער הילף און מחמת גאָטספורכטיגקייט האָט ער פון דער גאנצער מעשה ניט דערצעהלט אפילו זיינע עלטערן.

דיביידע לייבן־באצווינגער פון דער ביבל ווערן אין דער בילדענדער קונסט באהאנדעלט גאנץ אין זינען פון די אזוי־גערופענע גילגאמעש־סצענעס. פונקט ווי יענער אלט־אָריענטאלישער העלד, רייט דוד, אָפט איז עס שמשון, אויף א לייב, אָדער גרייט זיך אויף איהם ארופצושטייגן. אויף א העלעניסטישער זילבערנער כלי, וואס געפינט זיך אינ׳ם סאוטה־קענסיגטאָן־מוזעום (געפונען געווארן אין קערינ׳יא, אָפּגעבילדעט ביי וואולף „די אלט־קריסטליכע און ביצאנטינישע קונסט”) געפינען מיר פאָרגעשטעלט דוד׳ן מיט א לייב. די קאָמפּאָזיציע געהט נאָך דעם אלט־אָריענטאלישן נוסח, ניט מעהר דוד איז דאָ געקליידעט אין א אנטיקער טראכט מיט א קורצן טוניק און מיט א מאנטל וואָס בלאָזט זיך אין דערלופטן. רעכטס ווערט דער מאָטיוו נאָך באַרייכערט דורך א בוים, וואָס נויגט זיך צום אינעווייניג און וועלכער איז טאקע נויטיג כדי אויסצופילן די רונדע פאָרם פון דער שאָל.

ווי ווייט דער מאָטיוו איז געווען פארשפרייט אויך אין מיטלאלטער זעהן מיר פון דעם ווי אָפט ער קומט פאָר אין די פארשידענסטע ערטער. אזוי טרעפן מיר דוד׳ן אין אָט דער כאראקטעריסטישער האלטונג אין א קריסטליך־ענגלישער ביבל פונ׳ם 12־טן יארהונדערט — אום נור צו ברייגען איין ביישפיל פון א סך. אין ספר תהלים, וועלכעס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: Beatus vir פילט אָט דאָס בילד אויס דעם בוכשטאב „B“ (זעה בילד זייט 2). פונ׳ם 12־טן יאר־הונדערט שטאמען אויך די פילע אין ביין געשניצטע פאָרשטעלונגען פון שמשון, וועלכער רייסט אויף ביים לייב דאָס מויל זיצנדיג אויף איהם רייטנדיג (אפּגעבילדעט ביי אד. גאָלדשייט „די עלפענביין־סקולפטורן III 1923,” בר. קאסירער, — וועלכער ברייגט דריי ביישפילן, פון זיי צוויי דייטשע און איינער ווארשיינליך א פראנצויזישער).

אין דער העברעאישער בוך־אילוסטראַציע פעהלט אויך ניט דער מאָטיוו פון דעם לייבן־באצווינגער. אין דער געשילדערטער האלטונג, רייטנדיג אויף א לייב, אויפרייסנדיג דער חיה דאָס מויל, ערשיינט פאַר אונז שמשון אין דעם כתב־יד פון בנימין הסופר פונ׳ם יאָר 1278, וועלכער אנטהאלט דעם חומש מיט תרגום, דעם סדר של פסח און נאָך זאכן. (בריטיש מוזעאום Add. 11, 639) מיר טרעפן איהם אָן גאנץ עהנליך באהאנדעלט אויך אין דער הגדה פונ׳ם בריטישן מוזעאום Or 2737 (זעה בילד זייט 3) און אין מחזור פון דער לייפּציגער אוניווערזיטעטס־ביבליאָטעק (זעה בילד זייט 3 ביידע זיינען זיי האַנטשריפטן פונ׳ם שפּעטערן מיטעלאלטער. אָבער אויך נאָך אינ׳ם 18־טן יאָרהונדערט באפוצט שמשון׳ס רייטער־בילד די העברעאישע אילומינירטע האנטשריפטן. מיר דערקענען איהם אין דעם קאָרפּואַנער מחזור פונ׳ם יאָר 1700, וועלכער געפינט זיך ביי אלקנה אַדלער אין לאָנדאָן. נאָכגעהענדיג נאָכ׳ן גייסט פון דער צייט, ווערט שמשון, וועלכער איז אונז פונ׳ם אַלטערטום און פונ׳ם מיטעלאלטער איבערגעגעבן אלס קרעפטיגער נאַטור־מענש, אלס פאָלקס־טימליכער העלד, גאָר א צארטער בחור מיט געקרייזעלטע האָר, וועלכער זיצט אויפ׳ן לייב, שפּילנדיג, ווי אויף א האָלץ־פערד. מיט חנעוודיגער באוועגונג, אָהן שום אָנגעשטרענגט־קייט, ניט אמאָל די קלענסטע אויפמערקזאמקייט דעם לייב צו שענקן, קוקט שמשון קאָקעט אויפ׳ן צוזעהער, גלייך ווי ער וואָלט איהם געוואָלט אויפמערקזאם מאכן אויף זיין מאָדנע קאָסטיום. אויך דער לייב מאכט א רעכט געלאסענעם איינ־דרוק (זעה בילד זייט 1) די כתובה פון ריוואַראָלאַ פונ׳ם יאָר 1727 האָט דאָס דאָזיגע בילדל מיט קליינע שנוים איבערגענומען פונ׳ם קאָרפּואַנער מחזור (זעה בילד זייט 6) ס׳קאָן אויך זיין, אז דאָס בילד איז באקאנט געווען אין א סך קאָפּיעס און איז איבערגעגאנגען פון כתב־יד צו כתב־יד. אין די פאָרשטעלונגען פונ׳ם 18־טן יאָרהונדערט איז שוין ניטאָ כמעט קיין זכר פונ׳ם טראגישן גורל פון דעם דאָזיגן העלד, וועלכער האָט אין דער יוגנד מיט זיין כח און בטחון צעריסן א לייב מיטליידיגע הענד, דערנאָך אָבער אריינגע־פאַלן אין די הענד פון זיינע פיינד און בלינד, שיינבאר פון גאָט פארלאָזט, אין לאגער פון זיינע שונאים, שטארבט ער, ווען אפילו מיט א גרויסארטיגן טויט. דאָס דאָזיגע בילד פון שמשון׳ען האָט זיך אין שפּעטערער צייט פארוואנדעלט אין א אידיליע. אין מיטלאלטערליכן מחזור, אין דער מיטעל־אלטערליכער הגדה, איז שמשון נאָך דערשטרייטענדער העלד, דער סימבאָל פון דער ניט־באזיגבארער קראפט פון ישראל.

עס וואָלט געווען זעהר אינטערעסאנט נאָכצופאָרשן אין דער העברעאישער בוך־אילוסטראַציע אויב אויך דאָרט ווערט אזוי אָפט פארביטן שמשון אויף דוד׳ן און צי קומט אזוינס בכלל דאָרט פאָר, אזוי ווי מיר טרעפן אָן אלע מאָל אין דער קריסטליכער ביבעל־אילוסטראציע. דאָרט, אין דער קריסט־ליכער איקאָנאגראַפיע, האָט דוד א באזונדערע באדייטונג. די סצענעס: „דוד רעטעט דאָס לעמעלע פונ׳ם בער און פונ׳ם לייב”, ווערן דאָרט באנוצט אלס געגענשטיק צו די סצענעס: „יעזוס באפרייט דעם משוגענעם פונ׳ם דבוק” און „יעזוס נידערט אראָפּ אין גהינום”. די קריסטליכע קירכע האָט פאר־בונדן מיט דוד׳ן איהרע באזונדערע פאָרשטעלונגען, און דאָס ערקלערט פארוואָס דוד פארנעמט אזא גרויס אָרט אין דער קריסטליכער איקאָנאָגראַפיע. דער מאָטיוו פון דעם נצחון איבער׳ן לייב און איבער גלית הפלישתי, דאָס הייסט: דער נצחון איבער׳ן בייזן אין דער וועלט, שטעהט דאָרט אין פאָדערגרונד. דוד איז באַ זיי דער אָנזאָג אויף קריסטוס און מיט זיין פערזאָן אידענטיפיצירט. דערפאַר ווערט דאָרט די ראָלע פונ׳ם חיה־באצווינגער על־פי־רוב צוגעטיילט דוקא דוד׳ן, כאָטש אמאָל באקליידט זי אויך שמשון. דאגעגן איז מיר נאָך ניט פאָרגעקומען, אז דוד זאָל אויך אין דער יידישער בוך־אילוסטראַציע געשילדערט ווערן אין דער ראָל פון א לייב־באצווינגער. דאָ קען מען דוד׳ן גיכער אלס אלטן גרוי־ווייסן קעניג, זיצענדיג אויפ׳ן טראָן אָדער שפּילנדיג אויף דער האַרפע, אָדער אויך תפלה־טוענדיג. דער לייב־באַצווינגער, דער פאָלקסטימליכער העלד, דער סימבאָל פון ישראל׳ס גבורה — איז שמשון, אזוי ווייט, ווי מ׳קאָן אָפּ־לערנען פון דעם אונז ביז איצט באוואוסטן מאַטעריאַל. אין אים באַגריסן מיר די פאַרקערפּערונג פון יידישן נאַציאָנאַלן העלדנטום.

רחל ווישניצער־בערנשטיין

רוקן פון א פערסישן איינבאנד פונ׳ם 16־טן יאָרהונדערט

FERSIAN BINDING, 16th CENTURY. FROM F. SARRE, ISLAMISCHE BUCHEINBÄNDE, 1923.
BY KIND PERMISSION OF THE SCARABAEUS VERLAG, BERLIN

שמשון הגבור אלס לייב־באצווינגעד, פון א קאָרפואנער מחזור פונ׳ם יאָר 1700. זאמלונג אלקנה אדלער אין לאָנדאָן.

SAMSON ON THE LION. FROM A MACHSOR, KORFU, 1700. ELKAN ADLER COLLECTION, LONDON

איסלאמישע בוך־איינבאנדן

פאר דעם ליבהאָבער פון א שענעם בוך איז די בוך־קונסט פונ׳ם אָריענט איינע פון די באצויבערנדסטע קאפיטלען. סוף כל סוף טראָגן די וואונדערפולע איינבאנדן, וואָס אייראָפּא האָט פּראָדוצירט אין הונדערטיעריגער אנטוויקלונג, אלע דעם אָב־גלאנץ פונ׳ם מזרח, פון יענעם ערלעזענדען געשמאַק און פארפיינערטער טעכניק, וואָס דער מזרח־מענש האָט ארויסגעארבעט.

אונטער דעם אלגעמיינעם באגריף איסלאמישע בוך־איינבאנדן האָט פ. סאַררע צוזאמענגעשטעלט א זאמלונג פון איינבאנדן עגיפּטישע (פון 9—15 יארהונדערט) און פערסיש־טירקישע (פון 16—18 יארהונדערט), וועלכע איז ערשינען דאָ ניט לאנג אין פּאָרטרעפליכע פארבי׳גע רעפּראָדוקצי׳עס אין סקאַראַבעאוס־פארלאג אין בערלין. סאַררעס הקדמה און די פּירושים זיינע צו יעדן בילד באזונדער באקענען דעם לעזער מיט אויסגעצייכענטסטע טיפּן פון דעם איסלאמישן בוך־איינבאנד.

אין דעם עגיפּטישן בוך־איינבאנד ווערט באנוצט דער ארקאדן־מאָטיוו (9—10 יארהונדערט), דאָס מאָזאיק־מוסטער, דאָס גראטעמוסטער, די אראבעסקע, דער שטערן מיט א סך עקן, די קניפּן און פלעכטונגס מוסטערן (14—15 יארהונדערט). אין די שפּעטערע עגיפּטישע איינבאנדן זעהן מיר דעם אָוואלן ציערשילד מיט אויסלויפערס און עק־אנפּילונגען. דאָס שילד איז אויס־געפילט מיט געאָמעטריזירטע צווייגן עהנליך צו אראבעסקן, בשעת אין די פערסישע איינבאנדן ווערט עס געפילט מיט נאטורא־ליסטישע פארצווייגונגען, אפילו מיט לאנדשאפטן. אויב אבער עס ווערן שוין יאָ באנוצט אין די פערסישע איינבאנדן געאָמעטרישע פאָרמען, קומען זיי ארויס, דורך די אין זיי אריינגעפיהרטע זיגזאגן, באוועגליכער און דערמאָנען אביסל אָרגאנישע פאָרמען. אין דער אפבילדונג פון א איסלאמישעס איינבאנד, וואָס מיר גיבן דאָ (גענומען פון סאַררעס ווערק) האָבן מיר דעם פערסישן צווייג.

די אפבילדונג אויף זייט 5 ווייזט די דרויסנזייט פונ׳ם הינטערשטן דעקל בא א פערסישן איינבאנד פונ׳ם 16 יארהונדערט. דאָ האָבן מיר א ביישפּיל פון די וואונדערפולע פערסישע לאק־איינבאנדן וועלכע פלעגן געמאכט ווערן אויף אַזאַ אופן: אויף א פאפּן־דעקל וואָס איז באגרונטעוועט מיט קרייד, לעגט מען ארויף א דינעם שיכט פון לאק, וועלכער דינט אלס אונטערלאגע פאר דער מאָלעריי. די מאָלעריי ווערט דאן באדעקט מיט עטליכע לאגן פון שיצענדן דורכזיכטיגן לאק. אויף דער אייבערשטער לאג פון דעם לאק ווערט ערשט אָנגעזעצט דאָס פליסיגע גאָלד, זילבער און שטויב פון פערלמוטער.

אויף דעם איינבאנד, וואָס איז דאָ אָפּגעבילדעט, שטעלט זיך פאָר, אין א רייכער לאנדשאפטליכער סביבה, א סצענע פון א הערשער וואָס זיצט אויף א טראָן. די פערזישע איינבאנדן פונ׳ם 16־טען יארהונדערט, די אויפבליהונגסצייט פון דער סאַפאַווידן־עפּאָכע, פארגליכן מיט די מיניאטורן פון דערזעלבער צייט, געהערן, לויט סאַררעס מיינונג, צו די קינסטלעריש און טעכניש פאלקאָמסטע שאפונגען פון דער פערסישער קונסט.